**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט לכבוד ׳ערד טאג׳ אז MTA וועט פארברייטערן קומענדע ריי ארויסשטעלונגען פון זערא-עמיסיע באסעס אויף זעקס סטאנציעס**

***אויף צו שטעלן צום ערשט ריכטיגקייט, וועלן ערשטע עלעקטריש באסעס ארויסגעשטעלט ווערן אין קאמיוניטיס אין היסטאריש אפגעשוואכטע אומשטענדן***

***מיט די נייע סטאנציעס וועט MTA האבן עלעקטרישע באס סטאנציעס אין אלע פינף בעראס***

***נייע זערא-עמיסיע פלאט וועט שטערקער מאכן MTA׳ס פארשפרעכונג צו שטאנדהאפטיגקייט און ענווייראנמענטאלע ריכטיגקייט***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן אז דער מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט וועט ארויסשטעלן 60 זערא-עמיסיע עלעקטרישע באסעס ביי זעקס באס סטאנציעס צו סערווירן אלע פינף בעראס. דאס ארויסשטעלן מאכט שטערקער די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט׳ס אנטשלאסנקייט צו יושר'דיגקייט און ענווייראנמענטאלע ריכטיגקייט דורך שטעלן צום ערשט קאמיוניטיס מיט הויכע אסטמא און לופט פארפעסטונג ראטעס. אין ניו יארק סיטי געפונען זיך אומגעפער 75 פראצענט פון מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט באס סטאנציעס אין נידעריג צי מיטלמעסיגע-איינקונפט קאמיוניטיס, און טראנזיט באס רוּטס לויפן אומפראפארציאנעל דורך די געגנטער.

״מיין אדמיניסטראציע איז לעיסער פאקוסירט אויף פארשנעלערן אונזער טראנזיציע צו ריינע ענערגיע,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״פובליק טראנספארטאציע איז שטענדיג געווען קריטיש-וויכטיג אויף צו רעדוצירן עמיסיעס און די ארויסשטעלונג איז א גרויסע טריט צו MTA׳ס ציל פון א זערא-עמיסיע באס פלאט ביז 2040. ניו יארק׳ס פארשריטן אין מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור האט ווייט-גרייכנדע ווירקונגען וועלכע העלפן אדרעסירן סאציעלע יושר'דיגקייט און ווייטער צעמענטירן אונזער סטאטוס אלס א נאציאנאלע פירער אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג.״

די מעלדונג איז א גרויסע טריט צום 2018 ציל פון מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט (MTA) ארויסצושטעלן א זערא-עמיסיע באס פלאט ביז 2040, וואס וועט אויסמיידן 520,000 מעטריק טאָנען קארבאן עמיסיעס יערליך. די ערשטע פון די נייע עלעקטרישע באסעס וועלן אנהויבן אנקומען ביי סטאנציעס אין דעם צווייטן האלב 2022 און וועלן זיין פלאצירט ביי אלע זעקס לאקאציעס אין 2023. די אויטאריטעט אפערירט איצט 15 זערא-עמיסיע עלעקטרישע באסעס, און דער היסטארישער 51.5 ביליאן דאלערדיגע MTA 2020-2024 קאפיטאל פראגראם רעכנט אריין 1.1 ביליאן דאלער אויף צו קויפן נאך 500.

די באסעס וועלן צושטעלן סערוויס צווישן פילצאליגע רוּטס ביי די פאלגענדע סטאנציעס:

- גרענד עוועניו, קווינס: סערווירנדיג דיQ59 ,B24, B32, B39, B47, B48, B57, B60, B62
- טשארלסטאן, סטעטען איילענד: סערווירנדיג די S55, S56, S74, S78, S84
- איסט ניו יארק, ברוקלין: סערווירנדיג די B12, B14, B15, B17, B25, B42, B45, B65, B82, B83, B84, Q24, Q56
- קינגסברידדזש, מאנהעטען: סערווירנדיג די Bx3, Bx7, Bx10, Bx13, Bx18, Bx20, M100
- מייקל דזשעי. קוויל, מאנהעטען: סערווירנדיג די M8, M9, M12, M20, M21, M22, M42, M50, M55, M57, M66, M72
- דזשעמעיקע, קווינס: סערווירנדיג די Q3, Q4, Q5, Q17, Q30, Q42, Q77, Q84, Q85

אין צוגאב וועלן פינף פון די באס סטאנציעס זיין אויסגעשטאט מיט נייע טעכנאלאגיש פארגעשריטענע טשאַרדזשינג אינפראסטרוקטור צו שטיצן דעם MTA'ס שטייגנדע עלעקטרישע באס פלאט אנגעהויבן אין דעם צווייטן האלב פון 2022: גרענד עוועניו, טשארלסטאן, איסט ניו יארק, דזשעמעיקע, און קינגסברידזש. דער אויפֿן-רוט טשאַרדדזשער ביים וויליאמסבורג בריק פלאזא וועט אויך באקומען אפדעיטס. אלע אינפראסטרוקטור אפגרעידס וועלן פערטיג ווערן בעפאר'ן אנקומען פון די באסעס ביי יעדע פון די סטאנציעס.

**מעטראפאליטען טראנספארטאציע אויטאריטעט פארזיצער און CEO דזשענא ליעבער האט געזאגט,** "איך קען נישט טראכטן פון קיין בעסערע אופן צו פייערן 'ערד טאג' ווי מיט'ן אויסמעלדן די מערקווירדיגע ארויסשטעלונג פון עלעקטרישע באסעס. מיר ווייסן אז באסעס זענען די טרייבער פון יושר'דיגקייט, און עס גאר וויכטיג פאר'ן MTA צו ברענגען עלעקטרישע באסעס צו ענווייראנמענטאלע יושר'דיגקייט קאמיוניטיס די מערסטע באטראפן דורך קלימאט ענדערונג און פארפעסטונג. סיי וועלכע ניו יארקער קען זיך אנשליסן אין דעם קאמף קעגן קלימאט ענדערונג דורך פארן מיט'ן MTA, און די עלעקטרישע באסעס וועלן נאר ווייטער רעדוצירן קארבאן עמיסיעס אין אונזער ראיאן."

**ניו יארק סיטי טראנזיט צווישנצייטיגע פרעזידענט קרעיג סיפריאנא האט געזאגט,** "דער MTA איז אנטשלאסן אפירצוברענגען א זערא-עמיסיעס באס פלאט צו באשיצן אונזער שטאט פון די שעדליכע ווירקונגען פון פאָסיל-ברענשטאף, און די דאזיגע ארויסשטעלונג איז א גרויסע טריט צום מאכן ענווייראָנמענטאל-גינציגע מאסן טראנזיט נאך גרינער דורך ריינע ענערגיע. די ארויסשטעלונג וועט שטארק פארברייטערן די אנווענדונג פון זערא-עמיסיעס עלעקטרישע באסעס אויף די ניו יארק סיטי גאסן אין אלע פינף באראס און פארטרעט באדייטנדע פארשריטצו א פולקאם זערא-עמיסיעס באס פלאט."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דאריען עם. האריס האט געזאגט,** "אין דעם 'ערד טאג', איז א פרייד זיך אנצושליסן מיט MTA אין דער פייערונג פון זייער באדייטנדע טריט פאראויס אין עלעקטריזירן זייער פלאט אזוי ווי מיר זעצן פאר ווייטער ארבעטן אינאיינעם צו באקעמפן קלימאט ענדערונג און זיך ווענדן צו אונזערע ריינע ענערגיע צוקונפט. זערא-עמיסיע באסעס שפילן א הויפט ראלע אין רעדוצירן לופט פארפעסטונג אין אונזערע קאמיוניטיס און גלייכצייטיג באזארגן העכסט-נייטיגע טראנספארטאציע סערוויסעס אין באהעפטן ניו יארקער צו דזשאָבס, אקטיוויטעטן און באקוועמליכקייטן לענגאויס דעם ניו יארק סיטי געגנט."

**ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צווישנצייטיגע פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,** "דער MTA שטעלט אוועק א הויכן ניוואו ווען עס קומט צו פירן א גאנץ-פארנעמיגע טראנזיציע צו ריינע פובליק טראנזיט און דער ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט שטאלצירט זיך מיט איר ראלע אין פארווירקליכן דעם גענצליך-עלעקטרישן באס פלאט א ווירקליכקייט. מיר מאכן ענדגילטיגע פלענער פאר

די מאָדערנע טשאַרדזשינג אינפראַסטרוקטור אין פיר סטאַנציעס און מיר ווען אנהויבן קאַנסטרוקציע אין די קומענדע מאָנאַטן. די צוזאַמענאַרבעט ברענגט אונז נאָענטער צו א שטאָטישע טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם וואס וועט העלפן באַשיצן די געזונטהייט פון קאַמיוניטיס און צוזאָגן א מער שטאַנדהאַפטיגע צוקונפט פאר גאנץ ניו יארק סיטי.״

די ארויסשטעלונג אנטהאלט עטליכע גרויסע גרייכפונקטן פאר׳ן MTA׳ס באס פלאָט, אריינגערעכנט די ערשטע אַגענטור-באַזיצטע סטאַנדארט 40-פיסיגע עלעקטרישע באַסעס, די ערשטע אין-סטאַנציע אין-דער-הייעכדיגע פּענטאַגראַף טשאַרדזשערס, די ערשטע צוזאַמענאַרבעט מיט׳ן ניו יארק פּאַווער אויטאָריטעט צו פאַרוואַלטן טשאַרדזשער אינסטאַלאַציע, און דער ערשטער צוזאַמענאַרבעט מיט א ענערגיע קראַפט קאָמפּאַני צו אינסטאַלירן הויך-געצויגענע סערוויס און קאַנסטרוקציע פון א סוב-סטאַנציע אויף אויסצוהאַלטן עלעקטרישע באַסעס. דער איניציאַטיוו שטעלט צום ערשט די ווייכטיגקייט פון ענווייראַנמענטאַלע-יושר׳דיגקייט קאַמיוניטיס, מיט׳ן שטעלן ריינע ענערגיע באַסעס אויף די ראוטס פון געגנטער וועלכע ווערן דאס מערסט געניסן דערפון, און וועט פארשנעלערן די אויטאָריטעט׳ס פאָרשריטן אין ווייטער שניידן קארבאָן עמיסיעס אין איר באס פלאָט. דער MTA האט אויף איצט איבער 1,300 נידעריג-ארויסלאָז היי‌בריד באסעס אין ריק פלאָט, אריינגערעכנט 399 2׳טע-דור׳יגע היי‌בריד באַסעס וועלכע לויפן בלויז אויף באַטערי אין EV שטייגער א טייל פון די צייט, וואס טוט שטאַרק רעדוצירן פאָסיל-ברענשטאָף באַניץ.

דער MTA טוט אויף פאַרעהרן דעם ׳ערד טאָג׳ היי-יאר מיט׳ן דערמאָנען ניו יארקער אז דער בעסטער אופן צו באַקעמפן קלימאַט ענדערונג איז צו נעמען פּובליק טראַנזיט. יעדעס יאר, טוט דער MTA׳ס ענווייראַנמענטאַל שטאַנדהאַפטיגע טראַנזיט סיסטעם ערמעגליכן פאר׳ן ניו יארק מעטראָפּאָליטען ראַיאָן פאַרמיידן איבער 17 מיליאָן טאָנען גרינהויז גאז עמיסיעס יערליך — מער ווי טריפּלט די יערליכע מאַס שעדליכע גאז עמיסיעס פון סאַן פראַנסיסקאָ. דאס מיינט אויך אז ניו יארק סטעיט האט די קלענסטע פּער-איינוואוינער ענערגיע אויסניץ און שעדליכע גאז ארויסלאָז אין די פאראייניגטע שטאַטן. די אנטשלאָסנקייט צו ערגרייכן א פולשטענדיג זעראָ-עמיסיע באס פלאָט ביז 2040 וועט מאכן דאס וואס איז שוין דער מערסט-שטאַנדהאַפטיגער אופן ארומצופארן דעם ניו יארקער ראַיאָן נאך גרינער.
**ניו יארק סיטי מעיאָר עריק אַדאַמס האט געזאָגט,** ״מיר ווייסן אז ענווייראַנמענטאַלע יושר׳דיגקייט הייבט זיך אָן אויף דער ערד, אנגעהויבן מיט די קאַמיוניטיס די מערסטע באַטראָפן דורך קלימאַט ענדערונג. פּובליק טראַנזיט איז א קריטיש-וויכטיגע טייל פון די ארבעט צו בויען א גרינערע שטאָט, און דאס פארמאָגן מער זעראָ-עמיסיע באַסעס וועט אונטערשטרייכן די ארבעט, העלפן ניו יארקער אנקומען וואו זיי גייען און גלייכצייטיג רעדוצירן שעדליכע לופט פאַרפּעסטונג. איך דאַנק גאווערנער האָקול פאר פּריאָריטיזירן ענווייראַנמענטאַלע יושר׳דיגקייט, און שטעלן אין צענטער קאַמיוניטיס שווערסט באַטראָפן דורך קלימאַט ענדערונג, און העלפן אונזער שטאָט זיך ציען אויף פאראויס.״

**קאָנגרעסמאַן דזשאַמאַל באָומען האט געזאָגט,** ״אַדרעסירן קלימאַט ענדערונג איז קריטיש-וויכטיג פאר אלע אונזערע קאַמיוניטיס. עלעקטריזירן אונזער טראַנספּאָרטאַציע סיסטעם איז א נויטיגע טייל פון דער קאַמף צו באַשיצן מענטשן און אונזער פּלאַנעט, און איך גלייב אז פּובליק טראַנזיט זאָל פירן דעם וועג. עס פרייד מיך צו זען אז דער MTA נעמט ממשות׳דיגע שריטן צו רעדוצירן גרינהויז גאַזן און גלייכצייטיג באַזאָרגן פאַרלעסליכע טראַנספּאָרטאַציע פאר שכנים דא אין ניו יארק׳ס 16׳טע קאָנגרעסיאָנעלע דיסטריקט. איך קוק ארויס אויף צו שטיצן דעם אַגענטור אין פארשנעלערן איר טראַנזיציע צו ריינע ענערגיע, און ברענגען נישט נאר אונזער דיסטריקט נאר אויך דעם גאנצן לאנד צו א מער שטאַנדהאַפטיגע צוקונפט.״

**סטעיט סענאַטאָר לעראָוי קאָמרי האט געזאָגט,** ״איך נעם אויף מיט צופרידנהייט די מעלדונג פון נאך גרינע באַסעס און זייער אַנוועזנהייט אין אלע פינף באָראָס. זעראָ-עמיסיע באַסעס זענען א טריט פאָרווערטס פאר אונזער טראַנזיט סיסטעם, פאר אונזערע געגנטער, און פאר אונזער ענווייראָנמענט.

אזוי ווי מיר פירן זיך אריבער צו א פולשטענדיג זערא-עמיסיע באס פלאט איז וויכטיג צו האלטן אין קאפ ענווייראנמענטאלע יושר׳דיגקייט און פארזיכערן אז מיר טוען ווייטער פריאריטיזירן אריינגעמיגקייט אינאיינעם מיט שטאנדהאפטיגקייט.״

**סטעיט סענאטארקע ראקסענע דזשעי. פערסאוד האט געזאגט,** ״אזוי ווי מיר פרייען זיך לכבוד ׳ערד טאג׳ 2022 איז די אויסמעלדונג גאר פאסיג. די זעכציג נייע עלעקטרישע באסעס וועלן העלפן רעדוצירן עמיסיעס לענגאויס MTA׳ס באס פלאט, איבערהויפט לענגאויס עטליכע רוטס וועלכע סערווירן סענאט דיסטריקט 19. איך אפלאדיר דעם MTA׳ס איבערגעגעבנקייט זיך אריבערצוציען צו א 100 פראצענטיגע זערא-עמיסיעס פלאט ביז 2040.״

**מאנהעטען בארא פרעזידענט מארק לעווין האט געזאגט,** ״עס איז דערפרייענד צו זען ווי דער MTA טוט זיך געשווינדער אריבערצופירן צו א פולשטענדיג-עלעקטרישן באס פלאט. אונזער קאמף קעגן קלימאט ענדערונג קען אנגעפירט ווערן נישט נאר דורך אנבאטן פאר איינוואוינער שנעלע, פארלעסליכע און ווירקזאמע טראנזיט סערוויס נאר אויך דורך פארזיכערן אז די אויטאס וואס פירן די מענטשן זענען פולשטענדיג עלעקטריש. איך קוק ארויס אויף צו פארן אויף עלעקטרישע באסעס באלד ווי זיי קומען אויף די מאנהעטענע גאסן.״

**קווינס בארא פרעזידענט דאנאוון ריטשערדס דזשוניאר האט געהאט,** ״דורות האט שוין די אומאיינגעהאלטענע פאָסיל-ברענשטאף אויסניץ און עמיסיע פראדוקציע געברענגט פארשידענע געפארפולע תוצאות פאר פילע פון אונזערע היסטאריש אונטערסערווירטע קאמיוניטיס לענגאויס קווינס, פון אסטאריע׳ס ״אסטמא דורכגעסל״ ביז דזשעמעיקע און נאך ווייטער. מיט די היינטיגע אויסמעלדונג קען מען אנהויבן זיך צוריקצודרייען. פולשטענדיג עלעקטריזירן אונזער באס פלאט איז א קריטיש-וויכטיגער טריט פאראויס צו באשיצן אונזער ענווייראָנמענט און אפהיטן אונזערע פאמיליעס, און איך בין דאנקבאר דעם MTA פאר איר אנטשלאסנקייט ארויסצושטעלן מער עלעקטרישע באסעס אין קווינס דעם קומענדן הערבסט. איך קוק ארויס צו ארבעטן מיט׳ן MTA צו ווייטער פארשנעלערן דעם פראצעס אזוי ווי קלימאט ענדערונג טוט ווייטער זיך אנשטויסן אין אונזער בארא.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד סעלווענא נ. ברוקס-פאווערס האט געזאגט,** ״ניו יארק סיטי איז פארפלאגט געווארן דורך א חסרון אין אינוועסטירונג שוין יארן, וואס האט געברענגט דערצו אז שווארצע און ברוינע קאמיוניטיס פעלט אויס פארלעסליכע צוטריט צו טראנספארטאציע. איך אפלאדיר גאווערנער קעטי האוקול און MTA פארזיצער דזשענא ליעבער פאר שטעלן צום ערשט יושר׳דיגע צוטריטליכקייט צו ריינע ענערגיע טראנספארטאציע, אויף צו פארזיכערן אז אונטער-באהאלפענע קאמיוניטיס האבן צוטריט צו פארלעסליכע, זיכערע, צוגענגליכע און צוטריטליכע טראנספארטאציע. דאס ארויסשטעלן 60 זערא-עמיסיע עלעקטרישע באסעס — ווי למשל דער 5Q, וואס סערווירט לאורעלטאן און ראוזדעיל — וועט פארזיכערן אז ניו יארקער האבן צוטריט צו טראנספארטאציע און גלייכצייטיג נישט צוגעבן אדער ווייטער הערכערן אסטמא ראטעס און לופט פארפעסטונג.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד עריק דינאוויץ האט געזאגט,** ״מיט דאס וואס מיר ווייסן איצט איבער דער אויפטרייסלענדער פארשנעלערונג פון קלימאט ענדערונג, איז געוואונשענע נייעס דאס אז דער MTA זוכט צו טון זייער חלק מיט׳ן ארויסשטעלן 60 נייע עלעקטרישע באסעס. דאס איז בלויז אן ערשטער טריט צו א 100 פראצענטיגע זעראָ עמיסיעס פלאט ביז 2040, אבער א קריטיש-וויכטיגער. מיר שטייען אין א צייט וואס ראטעס פון אסטמא שטייגן גאר הויעך אין די בראנקס, און וויסנשאפטלער איבער דער גארער וועלט בעטן זיך ביי רעגירונג אינסטאנצן און פריוואטע אינדוסטריע צו נעמען די שריטן נייטיג אויף צו באשיצן די שטאנדהאפטיגקייט פון אונזער ערד-קוגל. איך בין דאנקבאר די אגענטורן דא אין ניו יארק וועלכע הערן זיך צו און טוען למעשה.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד סענדי נורס האט געזאגט,** ״די היינטיגע אויסמעלדונג ביים MTA פון דאס ארויסשטעלן א צאל גענצליך-עלעקטרישע באסעס איז א נייטיגע טריט צו רעדוצירן אונזער טראנזיט סיסטעם׳ס עמיסיעס און זייערע נעגאטיווע געזונטהייט ווירקונגען אויף אונזערע קאמיוניטיס. אזוי ווי דער MTA זעצט פאר ווייטער צו מאכן פארשריטן צו א 100 פראצענטיגע זערא-עמיסיעס פלאט, מוזן מיר ווייטער פארזיכערן אז מיר שטעלן צום ערשט ענווייראנמענטאלע יושר׳דיגקייט קאמיוניטיס ווי איסט ניו יארק, וועלכע זענען צו אפט געצווינגען געווען אויסצושטיין דעם עול פון פארפעסטנדע אינפראסטרוקטור.״

**ניו יארק סיטי קאונסיל מיטגליד ראבערט האלדען האט געזאגט,** ״אונזער ענווייראָנמענט איז אונז טייער, און מיר זאלן איבערלאזן דער וועלט בעסער ווי מיר האבן עס געטראפן. אויף דעם ׳ערד טאג׳, און יעדן טאג, דארפן מיר נעמען יעדעס שריט מעגליך צו רעדוצירן אונזערע פארפעסטונג און פארבעסערן אונזער קלימאט.״

**פרעזידענט פון דער ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען וויילער דזשולי טיגהע האט געזאגט,** ״מיר קענען נישט לייזן דעם פראבלעם פון קלימאט קריזיס אן לייזן דעם פראבלעם פון טראנספארטאציע פארפעסטונג און אינוועסטירן אין מאסן טראנזיט. עס איז נישט פאראן קיין שום בעסערע פארשריט פאר׳ן ענווייראָנמענט און פאר פובליק געזונטהייט אין ניו יארק ביים פייערן דעם ׳ערד טאג׳ ווי דאס אויספירן דורכ׳ן MTA זייער צוזאג ארויסצושטעלן 60 זערא-עמיסיעס עלעקטרישע באסעס אויף איר וועג צו א פולשטענדיג-עלעקטריש פלאט. אז אסטמא ראטעס זענען דער פירנדער גורם פון פעלן אין סקול, איז דאס רעדוצירן לופט פארפעסטונג אין קאמיוניטיס וואו עס געפונען זיך באס סטאנציעס קריטיש-וויכטיג צו פארבעסערן די פובליק געזונטהייט פון אונזערע שכנים, און האלטן אונזערע קינדער אין די קלאס-צימערן. די ניו יארק ליעגע פון קאנסערוועישען וויילער באדאנקט זיך פאר׳ן גאווערנער, דעם MTA, און דאס צוזאמארבעט צווישן אונזערע פירער כדי דאס צו ערמעגליכן.״

**׳קאָסטומער ענערדזשי סאָלושענס׳ סיניאר וויצע פרעזידענט לעני סינג האט געזאגט,** ״קאן עדיסאן שטאלצירט זיך צו זיין א מיטארבעטער מיט׳ן MTA אין איר מערקווירדיגע איבערבייט צו עלעקטרישע באסעס. אזוי ווי מער עלעקטרישע אויטאס קומען אויף די גאסן, איז קריטיש-וויכטיג אז עס איז פאראן א שטאנדהאפטיגע טשאַרדזשינג נעטוואָרק. דארט קומען מיר אריין: דורך אינוועסטירן צו פארזיכערן די פארלעסליכקייט פון דעם עלעקטרישן גריד, און דורך זיך פארשפרעכן צו ניו יארק סטעיט׳ס צילן פאר א ריינע ענערגיע צוקונפט.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418